Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 10 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 260 | Łódź Niedziela 10 listopada 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, ז׳ מרחשון תר״צ | 260

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 71-224

# נייע פראנצויזישע רעגירונג
## בעקומען א מעהרהייט אין פארלאמענט

פאריז, 9. (אטע) גלייך נאך דער ערעפנונג פון דער פארלאמענט-זיצונג האט גענומען א ווארט דער אויסערן-מיניסטער בריאן, וועלכער האט אין א לאנגער רעדע בעגרינדעט די פראנצויזישע אויסערן-פאליטיק. דער מיניסטער האט בעטאנט, אז דער פיר-אוצטינער קורס וועט ווייטער געפיהרט ווערען, פראנקרייך האט אנטיילגענומען אין דער האגער קאנפערענץ, כדי איינצופיהרען אין לעבען דעם יאנג-פלאן. בריאן איז אין דער איבערצייגונג, אז דער ווערסאילער טראקטאט ענטהאלט געוויסע בלוי-זען. דער פאקט וואס די דייטשען האבען זיך גוטוויליג אפגעזאגט פון עלזאס-לאטרינגען איז אהן ספק א שטארקער פערדינסט. די אקופאציע פון איבער-רהיין איז נישט קיין גאראנטיע פון אויספיהרען דעם גאנצען טראקטאט, נאר פון געוויסע פעסטשטעלונגען. דאס פראנצויזישע מיליטער וועט נישט בלייבען אין איבער-רהיין, נאכ׳ן אוועקגעהן פון ענגלישען און בעלגישען מיליטער. ערצבערגער און ראטענוי זענען געפאלען פון שאוויניסטישע הענד, צו דארף מען ערשט שטארבען, — פרעגט בריאן — כדי צו דערוויזען די עהרליכקייט און אויפריכטיגקייט פון די אנשויאונגען.

פאריז, 9. (ספ. טעל.) נאך די רעדעס פון פרעמיער טארדיע און אויסערן-מיניסטער בריאן האט דער נייער מיניסטעריום-ראט געשטעלט די פראגע פון צוטרוי. דער פארשלאג האט בעקומען 332 שטימען געגען 253.

5 געגען דער רעגירונג האבען געשטימט 11 קאמוניסטען, 100 סאציאליסטען, 109 ראדיקאלען, 12 סאציאלע רעפובליקאנער און 21 רעפוטאטען פון אנדערע ריכטונגען. 14 רעפוטאטען האבען זיך אפגעהאלטען פון שטימען. די נייע רעגירונג האט אלזא בעקומען א מעהרהייט פון 79 שטימען.

---

## גנבה אין דער קראקאווער יודישע קהלה

קראקא, 9. (טעלעפאניש). פרייטאג פאר-נאכט האבען גנבים זיך אריינגעריסען אין ביורא פון דער יודישער קהלה אויף סקאווינסקא גאס, זוי האבען אויפגעבראכען דריי אייזערנע קאסעס, פון 2 קאסעס האבען זיי ארויסגענומען די שלעסער, אינ-גאנצען האבען זיי צוגערויבט 200 זלאטעס מזומן און 764 5-פראצענטיגע אבליגאציעס פון די קאנ-ווערסיע-הלוואה.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע ווייגבערג צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען זוהן

שלמה נ״ע

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

חברים: נחום מאיר קאפלאוויטש, ישראל סקולסקי, גאדל פאפיערניק, פישל סאזלאווסקי, יעקב דזשאלאשינסקי, פישל טישלער, מרדכי זיגעלמאן, יצחק מידלארזש, יהודה האלע, לייבל קאהן, ראזענבוים, הערשל סאקאלאוו, פנחס רייטשיק, ליפמאן בריגעל, שיע בערלינסקי און איטשע גיסער.

די יודישע קהלה אין לאדז

אין דערמיט מ׳דיע, אז מארגען, מאנטאג, דעם 11-טען נאוועמבער ה. י. 9 א זייגער אין דער פריה וועט פארקומען אין דער שוהל אויף דער וואלבארסקא 20

אפיציעלע תפלה

לכבוד דעם 11. יאהרטאג פון פוילען׳ס אונאבהענגיגקייט

אנגעשעפטס-לאקאל

אוועקצוגעבען אויף פיעטריקאווער 38

געגענאיבער ראזענבלום׳ם רעסטאראן

געניגערעס צו ערפאהרען אין הויז-קאנטאר, פיעטריקאווער 38 אין די שעה׳ן פון 11–1 מיטאג.

PEPEGE

קאלאשען און שניעגאווצעס

צו פאבריקס-פרייזען

צו בעקומען ביי דער פירמע

בערגער און פלאטא

לאדז נאוואמיעסקא 3, אין הויף, געוועלב 32.

-ódzki Bank Depozytowy S. A.

לאדזער דעפאזיטען-באנק

אקצ. געז.

לאדז, פיעטריקאווער 5

נעהמט אן פערצינזטע פקדונות (וקלאדען) אויף ביכלעך אין זלאטעס און אין פרעמדע וואלוטען פון 10 זל. אן.

דאס אויסצאהלען קומט פאר אויפ׳ן ערש-טען פערלאנג ביים פארשטעלען דאס פקדונות-ביכעל.

## אכטונג, פריזיער-מייסטער!

אויפ׳ן גרונד פון ארט. 88 פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט פון 7 יוני 1927 וועגען אינדוסטריע-רעכט און דעם פאראגראף 18 פון צע-כען-סטאטוט, וואס איז בעשטעטיגט געווארען דורך דער וואיעוואודזטווא אין לאדז, רופט צונויף דער אינדוסטריע-אמט פון דער ערשטער אינסטאנץ אלס אויפזיכטס מאכט אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון פריזיער-מייס-טער-צעך אויפ׳ן 17 נאוועמבער ד. י., 4 א זייגער נאכמיטאג אין אייגענעם לאקאל פאלודניאווא 4 מיט פאלגענדער טאג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג דורך א פארשטעהער פון דער אויפזיכטס-מאכט, 2) וואהלען פון דער צעך פערוואלטונג, 3) פרייע פארשלאגען. די פערוואלטונג.

בעמ.: אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו רעגולירען דעם בייטראג טעגליך פון 8–10 אוועגד. די מיטגלידער, וואס וועלען נישט האבען איינ-געצאהלט דעם בייטראג וועלען נישט צוגעלאזט ווערען צו דער ערעפנונג.

## מעלדונג. עס ווערט געברויכט

## דאמען-שניידער-ארבייטער

ביים בעשטעלטען פאך

זיך צו מעלדען אין פעראיינס-לאקאל פיעטריקאווער 20, פון 8–11 אוועגד אויף גינסטיגע בעדינגונגען.

גלייכצייטיג פאדערען מיר אויף די הערען-פאך-בעשטעלטע זיך צו שטעלען צו א געמיינזאמע הילפס-אקציע.

די פאך-קאמיסיע פון דאמען-בעשטעלטע ביים שניידער-צעך, פיעטריקאווער 20.

פאלקס-אוניווערזיטעט

ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

היינט, זונטאג, 8.30 אוועגד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

פארלעזונג אויף ד. ט.:

ענגלאנד, אראבער און א״י-מאנדאט

פרעלעגענט: רעד. אוגער.

איינגאנג פריי! איינגאנג פריי!

DR. MED.

L. Pikielny

אוראלאג

ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאז און הארן-קראנקייטען

8 NAWROT 8, tel. 2,19-90

נעהמט אן פון 4–7 אוועגד.

צוריקגעקעהרט.

Dr. med. H. Lubicz

צעגעלניאנא 43, טעל. 32-41

ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און מיגער-טורעכע קראנקהייטען, היילונג מיט קווארץ-לאמפען (הער-אויספאל)

נעהמט אן פון 8–10 און פון 5–8 אוועגד.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען שבת-קודש געשטאר-בען אין עלטער פון 73 יאהר אונזער לאנגיעהריגער פערוואלטונגס-מיטגליד און קאסירער פון אונזער „תלמוד-תורה" אלעקסאנדראווסקא 13

נ״ע הערש מענדיל הכהן יארקעוויץ

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, זונטאג, 1 בייטאג פון טרויער-הויז אלעקסאנדראווסקא 31, ווערען אלע מיטגלידער געבע-טען צו קומען אפצוגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון דער „תלמוד-תורה" אלעקסאנדראווסקא 13.

